**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אפמאך צו באשיצן ציכטיג זויבערע קאיוגע לעיק וואסערפראנט פראָפּערטי**

***גאווערנער אנאנסירט אפמאך צווישן פינגער לעיקס לאנד טראָסט און ניו יארק סטעיט עלעקטריק און גאז***

***אפמאך פארשאפט צוקונפטיגע באשיצונג פון די גרעסטע פריוואט-באזיצטע בארטן ערד-טייל לענגאויס קאיוגע לעיק אין די פינגער לעיקס***

***פינגער לעיקס לאנד טראָסט וועט קויפן 470-עיקערדיגע בעל סטאנציע ערד-טייל***

**בילד צו באקומען [דא]**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז א שטח איינקויף אפמאך איז דערגרייכט געווארן צווישן די פינגער לעיקס לאנד טראָסט און ניו יארק סטעיט עלעקטריק און גאז קארפארעישען פאר די 470-עיקערדיגע בעל סטאנציע, די גרעסטע פריוואט-באזיצטע אומאנטוויקלטע לעיק בארטן אין די פינגער לעיקס. גאווערנער האקול האט אנאנסירט אום סעפטעמבער אז NYSEG האט אנולירט די ליציטאציע פון שטח באקאנט אלס דער בעל סטאנציע מיט 3,400 פיס פון ציכטיגע בארטן אויפ'ן מזרח זייט פון קאיוגע לעיק אין טאמפקינס קאונטי, און אז דריי סטעיט אגענטורן וועלן פארמיטלען קביעות׳דיגע באשיצונג פון דעם ערד-טייל און מאקסימיזירן פובליק צוטריט.

"דאס איינקויפן פון דער ערד-טייל וועט גאראנטירן איר באשיצונג און אפהיט פאר צוקונפטיגע דורות — מאכן אזעלכע סארט ענווייראנמענטאל-זיניגע באשלוסן גיבט אונז א רואיגן געוויסן אז אונזערע קינדער און זייערע קינדער וועלן האבן צוטריט צו גרינע ערטער און א הערליכן בליק פונ׳ם לעיק אין די פינגער לעיקס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך שטאלציר מיך מיט די שווערע ארבעט און דאס צוזאמענארבעטן צווישן אונזערע סטעיט אגענטורן, NYSEG, און די פינגער לעיקס לאנד טראָסט זיך גיך פאראויס-ציען מיט דער איינקויף אפמאך וואס וועט פלאסטערן דעם וועג פאר דאס אריבערפירן בעלות פון בעל סטאנציע."

DEC און די פינגער לעיקס לאנד טראָסט וועלן שאפן א פובליק ווילדע באשעפענישן פארוואלטונג ארט אויף די בארטן טייל פון דער פּראפּערטי. בּעל סטאנציע איז אנערקענט אלץ א פריאריטעט פראיעקט אין ניו יארק סטעיט'ס אפענע שטח פלאן און עס איז דעזיגנירט אלץ צוקונפטיגע פובליק צוטריט אפגעהיטענע לאנד אין טאון אָוו לענסינג׳ס אויספירליכע פלאן. די פּראָפּערטי איינקויף פארלאנגט נישט קיין ווייטערדיגע איבערזיכט אדער באשטעטיגונג דורך דער פובליק סערוויס קאמיסיע.

קאַיוגע לעיק איז א וויכטיגע מקור פאר וואסער צו טרינקן, טורזים און פארוויילונג אין די ראיאן. אפהיטן בּעל סטאנציע וועט העלפן באשיצן קריטישע באשעפעניש-וואוין-ערטער פאר פלאנצונגען און ווילדע

באשעפעניש צו וואוינען, און עס וועט אסאך פארבעסערן די מעגליכקייטן פאר׳ן פובליק צו פארוויילן דארט דורכן צושטעלן דירעקטע צוטריט צום ברעגע אויף מזרח זייט פון קאַיוּגע לעיק, וואס איז 90 פראצענט פריוואטע אייגנטום. די לעיק האלט אויס געוואלדיגע פישעריי ספארטס, אריינרעכענענדיג ׳לאַרדזשמאַוט בעס׳, ׳טשעין פיקערעל׳, ׳נאָרטערן פייק׳, ׳קרעפי׳, ׳יעלאָו פערטש׳, ׳סאָנפיש׳, ׳גאַר׳ און ׳באָופין׳. דער ציל איז פאר דער ווייט-מזרח טייל פון דער פראָפּערטי וועט אויסגעניצט ווערן פאר די פראדוקציע פון באנייבארע סאָלאַר ענערגיע.

קאַיוּגע לעיק איז אויך דעזיגנירט אלץ א וויכטיגע ארט פאר פויגל דורך ניו יארק אודעבאָן און עס האלט אויס א גרויסע און פילפארביגע באפעלקערונג פון ׳וואָטערפאַול׳ און אנדערע פויגל, באזונדערס דורכאויס די סעזאן ווען זיי פליען פון ארט צו ארט און דורכאויס די ווינטער. בעסערע צוטריט צו אזעלכע סארטן אייגנארטיגע ערטער ברענגט וויכטיגע עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר ארטיגע קאמיוניטיס צו אויסניצן די וואקסנדע פאפולערקייט פון דרויסנדיגע פארוויילונג, און אין דער זעלבער צייט באשיצט אויך די נאטורליכע מיטלען וועלכע באשיצן די וואסער קוואליטעט. באשיצן דעם לעיק פון ברעגע אנטוויקלונג און אפשווענקונג וועט באשיצן די וואסער קוואליטעט אין א קוואל פון טרינקן וואסער פארן פובליק און עס וועט העלפן רעדוצירן די סכנה פון שעדליכע אלגיעלע אויפבליאונגען.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "דער שטח איינקויף אפמאך צווישן די פינגער לעיקס לאנד טראָסט און NYSEG אפצוהיטן די ענווייראנמענטאל סענסיטיווע 470-עיקערדיגע בעל סטאנציע פראָפּערטי איז א גרויסע זיג פאר אפהיט באמיאונגען אין די פינגער לעיקס ראיאן און א ביישפיל פון גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צו טון פאר׳ן ענווייראָנמענט. אפהיטן בעל סטאנציע וועט העלפן באשיצן קריטיש-וויכטיגע באשעפעניש-וואוין-ערטער און עקא-סיסטעמס ואוס שטיצן וואסער קוואליטעט אין קאיוגע לעיק און הייבן פארוויילונג געלעגנהייטן וואס שטיצן דער ארטיגער עקאנאמיע. DEC איז דאנקבאר פאר איר פירערשאפט אין פארשאפן דעם אפמאך און באדאנקט זיך פאר NYSEG פאר אנערקענען די ענווייראנמענטאלע ווערד פון באשיצן דעם פראָפּערטי. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די פינגער לעיקס לאנד טראָסט צו אפהיטן דער אייגנארטיגער ערד-טייל אויף׳ן לעיק-ברעגע פאר צוקונפטיגע דורות פון באזוכער צו שפירן און געניסן."

**סטעיט פארקס קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט,** "בעל סטאנציע איז קעגן איבער קאיוגע לעיק צו צפון פון טאוגאנאק סטעיט פארק. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול וועט דער איינקויף סיי באשיצן די לעיק אויסבליק, ווי אויך די וואסער קוואליטעט פון די קריעקס און שטראמען וואס פליסן פון בעל סטאנציע אריין אינ׳ם לעיק. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט די DPS און די DEC אויף דער וויכטיגער אפהיטונג אונטערנעמונג."

**פרעזידענט און CEO פון NYSEG קארל עי. טעילאר האט געזאגט,** "NYSEG איז אנטשלאסן צו זיין א גוטע קארפארעיט בירגער און עס פריידט מיך אז מיר האבן געקענט גיך גרייכן אן אפמאך מיט די פינגער לעיקס לאנד טראָסט צו אפהיטן דער ציכטיגער שטיקל פראָפּערטי. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פאר זייער פירערשאפט און צוזאמענארבעט אזוי ווי מיר האבן אינאיינעם געזוכט צו אפהיטן בעל סטאנציע, א באשלוס וואס וועט זיין א טובה פאר׳ן פינגער לעיקס ראיאן פאר פילע יארן אין דער צוקונפט."

**סענאטארקע פאמעלא העלמינג האט געזאגט,** "א דאנק אייך פינגער לעיקס לאנד טראָסט און NYSEG פאר׳ן ארבעטן אינאיינעם צו גרייכן אן אפמאך וואס וועט פירן צו די ווייטערדיגע אפהיט און באשיצונג פון דער וויכטיגער פראָפּערטי. די נייעס ווערט ווארעם אויפגענומען דורך די טויזנטע איינוואוינער לענגאויס אונזער ראיאן, וועלכע וועלן קענען געניסן פון די ציכטיג און אומבארירטע שטח פון קאַיוּגע לעיק׳ס ברעגעס פאר פילע קומענדיגע דורות. דאס אפהיטן פון די שטח איז אויך וויכטיג פאר

דער באשיצונג פון אונזער ארטיגע וואסער קוואליטעט פאר די טויזנטע איינוואוינער וועלכע פארלאזן זיך אויף קאיוגע לעיק פאר זייער טרונק-וואסער. א דאנק אייך פינגער לעיקס לאנד טראָסט, NYSEG, די פובליק סערוויס קאמיסיע, ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון קאנסערוועישען, און די פילצאליגע ארגאניזאציעס און בירגער גרופעס אין לאנסינג און דער אומגעגנט פאר זייער שתדלנות. און א באזונדערן דאנק פאר גאווערנאר האוקאל פארן צוהערן צו אונזערע זארגן און רעקאמענדאציעס און פארמיטלען ווייטערדיגע שריטן וואס בענעפיטן דער קאמיוניטי און היטן אויף די מערקווירדיגע און פילפארביגע נאטורליכע אוצר וואס מיר זענען אזוי גליקליך צו האבן."

**אסעמבלי-מיטגליד אנא קעלעס האט געזאגט,** "איך וויל דאנקען פאר גאווערנער האקול, דעם דעפארטמענט פון פובליק סערוויס, די דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג, דער דעפארטמענט פון פארקס, און NYSEG פאר זיך אפרופן אזוי גיך צו די באדייטנדע פובליק געשריי אפצוהיטן די בַּעל סטאנציע פּראָפּערטי אלס באשיצטע סטעיט וואלד-לענדער. דער גרויסער שטח פון ציכטיגע בארטן און וואלד-לענדער שפילן א קריטיש-וויכטיגע ראלע אין פרעזערווירן די געזונט און גאנצקייט פון דעם לעיק. היטן אויף די וועלדער וועט נישט נאר באשיצן די לעיק פון אפשווענקונג פון די בארטן און פון נעגאטיווע ווירקונגען פון די סעפּטיק וואסער סיסטעמען אויפן בארטן, נאר עס וועט אויך היטן די לאנד פאר טוריזם און פאר בילדונג איבער עקאלאגיע. אונזער געמיינזאמע אנטשלאסנקייט צו אפהיטן איז הויפט-וויכטיג און דער גאווערנער׳ס ראלע אין דער באמיאונג ברענגט פון אונז טיף דאנקבארשאפט."

**פארזיצערין פון די טאמפקינס קאונטי לעגיסלאטור לעסלין מעקביען קלעירבארן האט געזאגט,** "דער אפמאך איז היסטאריש פאר אונזער ראיאן און אונזערע ארטיגע צוזאמענארבעטער. טאמפקינס קאונטי איז טיף דאנקבאר פאר ניו יארק סטעיט און גאווערנער האקול׳ס אנטשלאסנקייט צו אפהיטונג און פובליק צוטריט צו די שטחים אין אונזער הערליכע פינגער לעיקס ראיאן און איך אפלאדיר NYSEG און די פינגער לעיקס לאנד טראָסט פאר זייער צוזאמענארבעט אין דאס אנברענגען. עס איז פאראן אן אויסגעצייכנטע היסטאריע פון אפהיט און שטאנדהאפטיגקייט אין דעם ראיאן, און דאס איז נאך א באגייסטערנדעביישפיל פון טריישאפט צו די זיטן."

**טאמפקינס קאונטי לעגיסלאטאר מייק סיגלער האט געזאגט,** "עס איז שוין אכט יאר פאריבער זינט מיר האבן געהאט אן עפנטליכע זיצונג איבער די פינגער לעיקס לאנד טראָסט מעגליך איבערנעמען דער בַּעל פּראָפּערטי. דאס וואלט נישט געקענט פארקומען אן דעם וואס די גאווערנער האט זיך אריינגעמישט. עס איז פאראן אזוי ווייניג צוטריט צו לעיק קאיוגע. מיר קענען זיך ארומ׳טענה׳ן וואס זאל געטון ווערן מיט דעם שטח לאנד, אבער אויף איצט פריידט עס מיך צו זען אז עס וועט ווערן אפגעהיטן און מיט די צייט געעפנט ווערן פאר יעדן. איך האב גע׳הייק׳ט FLLT לאנד און קיינער טוט נישט א בעסערע ארבעט פון האלטן די סארט לאנד אפן און אפגעהיטן. געוויסע וועלן טענה׳ן אז די לאנד דארף אנטוויקלט ווערן צו מאקסימיזירן שטייער איינקונפט. איך פארשטיי די וואס האלטן אזוי, אבער מיר קענען נישט און טארן נישט דאס טון מיט יעדן שטיקל ערד-טייל. אויב יא, וועט נישט בלייבן קיין פובליק ארט און דאס וועט אונז אלע שלעכט זיין."

**פינגער לעיקס לאנד טראָסט עקזעקיוטיוו דירעקטאר ענדרו זעפּ האט געזאגט,** "דאס איז ריזיגע געווינס פאר די פינגער לעיקס און אלע איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול׳ס פירערשאפט און פאר אלע אונזערע ערוועהלטע באאמטע וואס האבן דאס דורכגעזען און פארווירקליכט."

**CEO פון דעם דעפארטמענט פון פובליק סערוויס ראָרי עם. קריסטיען האט געזאגט,** "דאס אונטערשרייבן די איינקויף אפמאך צווישן די פינגער לעיקס לאנד טראָסט און NYSEG גאראנטירט די פארשטערקערונג פון ניו יארק׳ס אנטשלאסנקייט צו לאנד אפהיט לענגאויס דעם סטעיט. מיין אגענטור

פריידט זיך צו האבן געשפילט א ראלע אין באשיצן די ענווייראָנמענטאל סענסיטיווע פראָפערטי פאר צוקונפטיגע דורות."

**אפוטרופוס און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער קאיוגע לעיק וואסערשייד נעץ דר. הילערי לעמבערט האט געזאגט,** "דאס איז וואונדערבארע נייעס פאר לאנד און וואסער אפהיט אויף קאיוגע לעיק׳ס שטייגנדע געדראנגפולע בארטן. עס איז אויך געוואלדיג גוטע נייעס פאר הייקערס און פעדעל-שיפלער, וועלכע וועלן האבן א שפאגל נייעם פלאץ וואס וועט ערמעגליכן פובליק צוטריט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן